בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

שבת תשובה תשפ"ג
ס"ג מאמר ב'

יו"ל שבת תשובה תשפ"ד



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (לא, ו) 'לא ירפך ולא יעזבך', טייטשט רש"י 'לא ירפך - לא יתן לך רפיון להיות נעזב ממנו', דארף מען פארשטיין די מכוון אינדעם וואס שטייט 'לא יתן לך רפיון'.

**און** מ'קען ערקלערען דער זאך בהקדם דאס וואס שטייט (לא, יז-יח) 'וחרה אפי ביום ההוא וגו' ואמר ביום ההוא הלא כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה, ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא', און ס'איז א וואונדער ווייל לכאורה איז דאס נישט קיין זינד דאס וואס ער זאגט אז 'מצאוני הרעות האלה על כי אין אלקי בקרבי', און אויב ער ווייסט שוין יא אז אלע שלעכטס קומט צוליב א סיבה, איז פארוואס קומט איהם א שטראף פון 'הסתר אסתיר'. טייטשט דער **רבי ר' בונם זי"ע** אז דאס אליינט איז די זינד דאס וואס ער מאכט א טעות און ער טראכט אז דער אייבערשטער איז נישט דא מיט איהם - 'אין אלקי בקרבי', אז נאכדעם וואס ער האט געזינדיגט האט ער נישט קיין האפענונג. ווייל דעם סארט מחשבת טעות איז דער ערשטער שפאלט וואס דורכדעם טוהט דער יצר הרע שטרויכלען דעם מענטש, אז ער איז זיך מתייאש און ער טענה'ט אז נאכ'ן חטא האט ער שוין נישט קיין שייכות מיט'ן אייבערשטען - אין אלקי בקרבי. חס ושלום אזוי צו זאגען, ווייל דער אייבערשטער איז דא מיט'ן מענטש - כי אלקי בקרבי, סיי פאר'ן זינד און סיי נאכ'ן זינד, 'אני ה' קודם שיחטא ואני ה' אחר שיחטא' (ר"ה יז:), און אזוי אויך **אני ה'** בשעת ער זינדיגט, דער רבונו של עולם געפינט זיך און איז דא ביי יעדען יוד אויך בשעת ווען ער זינדיגט, 'גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי' (ברכות סג. לפי גירסת העין יעקב, וראה ס"ג משפטים שקלים תש"פ מאמר ב). דעם ערשטען גרייז פונעם חוטא איז אז ער טראכט אז ער איז אוועק געשטיפט געווארען פונעם אייבערשטען, און ער זאגט אז 'אין אלקי בקרבי'.

**און** דאס איז די באדייט אינעם ווערטער וואס רש"י שרייבט 'לא יתן לך רפיון להיות נעזב ממנו', ווייל

געוויס טאקע האט דער אייבערשטער באשאפען דעם יצר הרע, און ער זאגט אפילו 'אשר הרעותי' (מיכה ד, ו) - **'אני בראתי את יצר הרע המחטיאם וגרמתי להם כל זאת'**, און חז"ל זאגען (סוכה נב:) אז דער אייבערשטער האט חרטה אויפדעם וואס ער האט באשאפען דעם יצר [און אין אמת'ן אריין איז נישט שייך בכלל צו זאגען ביים אייבערשטען א ענין פון חרטה, נאר אינדעם ליגט באהאלטען דעם באשאפעניש פונעם יצר הרע און דער כוח וואס איז געגעבען געווארען אנטקעגען איהם אז מ'קען זיך מתגבר אויף איהם, און אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (קדושין ל:) 'יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו', און דאס איז די באדייט פונעם ענין חרטה וואס ס'שטייט ביים אייבערשטען כביכול], אבער דעם רפיון - דאס שוואכקייט און נאכלאזענקייט, עצבות און ייאוש וואס איז גורם פאר'ן מענטש צו טראכטען נאכ'ן עבירה אז ער איז שהוא דערוויטערט געווארען און אוועק געווארפען געווארען און ער איז שוין נישט שייך, און ער וויל שוין נישט זיך אומקערען, דאס איז נישט א חלק פונעם בריאת היצר הרע, נאר ס'וועדט זיך בלויז אינעם מענטש אליינט, ס'ליגט נאר אין זיינע הענט.

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (לב, א-ב) 'לדוד משכיל אשרי נשוי פשע כסוי חטאה, אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון', בפשטות איז דער פשט אז דער אייבערשטער טראגט דעם 'פשע' און פארדעקט זיינע זינד - 'חטאיו', אבער חז"ל זאגען אין מדרש (ב"ר כב, ו) אויפ'ן פסוק (בראשית ד, ז) 'הלוא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ' - 'רבי ברכיה בשם רבי שמעון בר אמי אמר 'לדוד משכיל אשרי נשוי פשע כסוי חטאה' - אשריו לאדם שהוא גבוה מפשעו ולא פשעו גבוה ממנו', עי"ש. אבער ס'ליגט א דערהער אינעם רייד פונעם מדרש, געלויבט איז דער מענטש וואס ער דערהייבט זיך פון איבער דעם זינד - ער לאזט נישט דעם יצר הרע איהם איבער רעדען צו טראכטען און זאגען אז 'אין אלקי בקרבי', נאר ער איז 'נשוי פשע כסוי חטאה' - ער דערהייבט זיך פון איבער זיינע זינד, ד.ה. אז ער ווייסט אז אויך נאכ'ן זינדיגען האט ער א קשר און א שייכות מיט'ן אייבערשטען.

און מיט דעם קען מען פארטייטשען דעם המשך פונעם פסוק 'אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון', וואויל איז דער מענטש וואס ער טראכט נישט אז זיין גאנצע שייכות מיט'ן רבונו של עולם - לא יחשוב ה' לו, עון - ווענדט זיך מיט דעם אויב ער טוהט נישט קיין עבירה, און נאכ'ן זינדיגען האט ער שוין נישט קיין קשר און א שייכות. ווייל דער אייבערשטער געפינט זיך מיט יעדער יוד אויך נאכדעם וואס ער זינדיגט, ווייל ער האט דאך באשאפען דעם יצר הרע, און ער זאגט 'אשר הרעותי'. נאר ס'ליגט א אויפגאבע אויפ'ן מענטש תשובה טוהן, ווייל דעם נאכלאזענקייט - די רפיון איז נישט פונעם אייבערשטען, נאר באלד ווען דער אייבערשטער האט באשאפען דעם יצר הרע, האט ער שוין געגעבען דעם הילף מ'זאל זיך קענען שטעלען אנטקעגען איהם, און ס'ליגט אינעם האנט פונעם מענטש חרטה האבען אויף זיינע זינד און תשובה טוהן.

**אוי** ווייי איז פארדעם וואס דער זינד דערהייבט זיך איבער איהם, ווייל דער זינד מאכט איהם פארלירען זיין פארשטאנד, און ער טראכט אז ער האט שוין נישט קיין שייכות מיט'ן רבונו של עולם, און ער קען זיך שוין נישט אומקערען וויבאלד 'אין אלקי בקרבי', נאר ער דארף וויסען אז אין יעדען צושטאנד וואס ס'זאל נאר נישט זיין איז 'יש אלקי בקרבי', נאר ער דארף תשובה טוהן און זיך אומקערען צום אייבערשטען.

**רש"י** זאגט אויפ'ן אנהייב פסוק 'לדוד משכיל', 'אמרו חכמים (פסחים קיז.) כל מזמור שנאמר בו 'משכיל' על ידי מתורגמן אָמְרוֹ'. דער איבער זעצער - המתורגמן איז געמאכט געווארען כדי צו לאזען הערען מיט א הויכע שטימע פאר'ן גאנצען עולם, און זיי פאברייטערען דאס וואס זיי האבען יעצט געהערט ביים דרשה. און דער **מצודות** שרייבט אויף אן אנדערען אופן 'לדוד משכיל - **בזה ישכיל את העם ללמדם דעת**'. און מען דארף זיך פארטיפען אויף צו פארשטיין די אינזיכט דערפון, ווייל דוד המלך ע"ה האט נישט געהאט קיין שום שייכות בכלל צו א חטא (ע' שבת נו.), און חז"ל זאגען (ע"ז ה.) 'לא חטא דוד אלא להורות תשובה ליחיד - שאם חטא יחיד אומרים לו כלך אצל יחיד'. און דאס

איז די באדייט פון 'משכיל לדוד', דער מתורגמן האט געגעבען צו פארשטיין פאר'ן עולם און זיי אויסגעלערנט וויסענשאפט און פארשטאנד, זיי זאלען וויסען און פארשטיין ריכטיג אז עס איז פארהאנען א יצר הרע, און עס מאכט זיך אמאהל אז דער מענטש האט נפילות, אבער 'אשרי נשוי פשע כסוי חטאה' - וואויל איז דער מענטש דער וואס האט דער מעגליכקייט זיך צו דערהייבען פון איבער זיינע זינד, און ער פארלירט נישט דעם געפיהל אז ער איז נאך שייך און צוגעבינדען צום רבונו של עולם, און ער געדענקט אז אין יעדער צושטאנד וואס עס זאל נאר נישט זיין איז 'אלקי בקרבי', און ער דארף און קען תשובה טוהן.

**שטייט** אין די גמרא (ברכות ד:) 'אמר רבי יוחנן מפני מה לא נאמר נו"ן באשרי מפני שיש בה מפלתן של שונאי ישראל, דכתיב 'נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל' (עמוס ה, ב)', און געוויס אוודאי האט דוד המלך ע"ה נישט אריינגעשטעקט זיין קאפ אין ערד אריין אזוי וויא א בת יענה, מיט דעם וואס ער האט נישט געשריבען דעם אות נו"ן פון נפילתן של ישראל, אויב ס'איז פארהאן א נפילה דארף מען דאס פארעכטען.

**נאר** דער באדייט דערפון איז, אז דערנאך וואס דער גאנצער פרק פון 'תהלה לדוד' איז פיהל מיט שבחים פאר'ן אייבערשטען, איז נישט שייך צו שרייבען דערין א פסוק פון א נפילה אן קיין תקומה, ווייל דער חטא און די נפילה איז א שבח ביים אייבערשטען, און אזוי וויא מיר האבען שוין דערמאנט אסאך מאהל דאס וואס שטייט אין **קדמונים** און **ספה"ק** אז ווען א מענטש זינדיגט ח"ו, קען דער מקטרג נישט דערמאנען דעם חטא פאר'ן רבונו של עולם, נאר מען זאגט אויף איהם אויבען אין הימעל אז ס'איז באנייט געווארען א נייעם וועג פון תשובה אויף יענער חטא (עי' זרע קודש לר"ה ד"ה הסובל, ודברי חיים ר"פ נח שמביא ראיה לדבריו מספרי מוסר (עי' קב הישר פרק א). וע"ע עבודת ישראל פר' נח עה"פ קנים תעשה ושפ"א לקוטים פר' נצבים ד"ה כי המצוה הזאת). און אויפ'ן גרויסען בעל עבירה - וואס ער האט געקענט זיין גאר א גרויסען בעל תשובה, ביי ירבעם בן נבט זאגען חז"ל (סנהדרין קב.) אז דער

אייבערשטער האט איהם אנגעכאפט - 'תפסו בבגדו', און דער טיפקייט פונעם מאמר חז"ל איז, אז דאס מיינט צו זאגען אז דער אייבערשטער האט איהם געזאגט אז מיט דיינע חטאים און מיט דיינע בגידות, מיט דעם כאפ איך דיר אן, ווייל דערמיט ביסטו שייך צו מיר, און אזוי איז די זעלבע זאך ביי יעדער איינער און איינער, ווייל מיט די זינד ווערט געעפענט א פרישע וועג פון תשובה, און דער מענטש האט די מעגליכקייט תשובה צו טוהן מאהבה - און אלע חטאים דרייען זיך איבער און ווערען זכיות.

**און** דעריבער איז נישט מעגליך צו שרייבען דעם אות נו"ן אין 'אשרי', ווייל די חטאים זענען בכלל נישט קיין נפילות - ד. ה. אז ס'איז נישט קיין נפילה אן א תקומה, נאר זיי זענען א שבח פאר'ן אייבערשטען, ווייל די 'נפילה' איז די ערשטע טריט אויף תשובה צו טוהן, ס'איז אויפ'ן וועג פון 'תשובה שלימה' איבער צו דרייען די 'זדונות' זאלען ווערען 'זכיות'.

**און** דער איינציגסטע וועג צו דערמאנען די 'נפילה' אין 'אשרי' איז אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא (שם) 'אפילו הכי חזר דוד וסמכן ברוח הקודש שנאמר (תהלים קמה, יד) 'סומך ה' לכל הנופלים', ווייל דאס איז די וועג פון דוד המלך ע"ה - דער מתורגמן פאר די בעלי תשובה, ס'איז נישט פאראן קיין נפילה אן קיין תקומה, נאר סומך ה' לכל נופלים, חס ושלום נישט מאכען א טעות און טראכטען אז מ'איז פארלוירען געגאנגען און מ'איז נישט שייך צום אייבערשטען און ס'העלפט נישט קיין תשובה, ווייל ס'איז בכלל נישט שייך זיך אפצורייסען פונעם רבונו של עולם - 'אם לא ביד חזקה וגו' אמלוך עליכם' (יחזקאל כ, לג), אין יעדען צושטאנד וואס זאל נאר זיין איז דער אייבערשטער דער קעניג פון יעדער יוד, און יעדער יוד האט א שייכות צו איהם ית"ש, נאר ער דארף וויסען אז ער דארף און מ'קען תשובה טוהן, און אויך נאכ'ן זינדיגען קען מען זיך דערהייבען און האבען א התרוממות.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען שטענדיג געדענקען אז 'אלקי בקרבי', און מיר זאלען זוכה זיין זיך אומקערען צו איהם מיט א תשובה שלימה.